ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## פרשת בא

שנת תשע"א

**למען שתי אותותי אלה בקרבו, ולמען תספר:** לכאורה פארוואס דארף די תורה זאגן צוויי טעמים אויפן ברענגען מכת ארבה.

דער **רבי ר' העשיל מקראקא זי"ע** איז מסביר דעם מדרש (רבה פי"ד או"א) אז דער אייבערשטער האט געפרעגט די מלאכים צי עס קומט זיך פאר די מצרים אז זיי זאלן נענש ווערן מיט מכת חושך, און אלע מלאכים האבן מסכים געווען. נאכדעם פרעגט דער מדרש **ולמה הביא עליהם מכת חושך**, און דער מדרש זאגט צוויי טעמים פארוואס דער אייבערשטער האט אויף זיי געברענגט מכת חושך, איינס וועגן די באהאלטענע אוצרות וואס די אידן האבן געדארפט טרעפן. די צווייטע כדי די רשעי ישראל זאלן קענען אויסשטארבן אין די ימי אפילה.

זאגט דער **רבי ר' העשיל זי"ע** פארוואס הערשט נאכדעם וואס די מלאכים האבן מסכים געווען פרעגט דער מדרש **ולמה הביא עליהם חושך**? ווייל מיר פסק'ענען אין מס' סנהדרין (דף י"ז ע"א) אז אויב פתחו כולם לחובה פטור, אויב דאס גאנצע בי"ד האבן איינעם דן געווען דיני נפשות לחוב איז מען פטור. אבער דאס איז נאר אויב זיי האבן דאס געזאגט צוליב די זעלבע טעם, אבער אויב יעדער האט אים גע'פטר'ט מחמת א צווייטע טעם איז דער מענטש יא חייב. ממילא דא ווען אלע מלאכים האבן גע'פסק'עט **לחוב** וואלטן ווען די מצרים נישט געדארפט נענש ווערן, וועגן דעם פרעגט דער מדרש הערשט יעצט **ולמה הביא עליהם מכת חושך**, אמער עס איז דאך געווען **פתחו כולם לחובה**? אויף דעם ענטפערט דער מדרש אז עס איז דא עטליכע טעמים, און אז עס איז טעמים חלוקים איז מען יא חייב.

זאגט דער **רבי זי"ע** אין **ברך משה** אז ביי מכת ארבה שטייט שטייט **וה' ניהג רוח קדים בארץ**, און דער מדרש זאגט אז איבעראל וואו עס שטייט **וה'** מיינט דאס **הוא ובית דינו**, איז דאך לכאורה שווער אויב דאס גאנצע בי"ד של מעלה איז מסכים לחיוב דארף מען ווען זיין פטור, וועגן דעם זאגט די תורה **למען שיתי אותותי, ולמען תספר,** אז עס איז דא צוויי טעמים פארוואס דער אייבערשטער האט געגעבן די מכות, ממילא קען מען מחייב זיין אפילו יעדער האלט לחיוב.

*

**ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו:**

דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** זאגט לויט די גמרא (ב"ק דף ס"ג ע"ב) ווען אליהו הנביא איז אין שטאט לאכן די הונט, ווען דער מלאך המות איז אין שטאט וויינען די הונט. עס שטייט אין פסוק **והכתי כל בכור בארץ מצרים אני ולא השליח**, ממילא אז דער מלאך המות איז נישט געקומען האבן די הונט נישט געוויינט, און דאס אז די הונט האבן נישט געוויינט איז געווען די הוכחה אז דער רבש"ע אליינס איז געקומען כביכול הרג'ענען די מצרים.

דאס זאגט דער פסוק **לא יחרץ כלב לשונו**, דאס אז די הונט בילן נישט איז א סימן **אשר יפלה ה'**, אז דער אייבערשטער אליין איז דער וואס ברענגט מכת בכורות און נישט דער מלאך המות.

*

**והיה לכם למשמרת:** זאגט רש"י אז דער אייבערשטער האט זיי געגעבן דם פסח און דם מילה. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס טאקע האט דער אייבערשטער געגעבן פונקט די צוויי מצות?

זאגט דער **לב ארי'** (חולין דף קמ"א) לויט דעם וואס דער **בכור שור** זאגט אז דער טעם פארוואס עס איז נישטא קיין שכר מצוה אויף די וועלט איז ווייל ווען איינער איז עובר אויף א עשה באקומט ער נישט קיין עונש בעולם הזה, די זעלבע באקומט מען נישט קיין שכר מצוה אויך נישט.

דער אייבערשטער האט דאך געוואלט אז די אידן זאלן האבן מצות וואס זאל זיי ברענגען זכותים אז זיי זאלן ראוי זיין ארויסצוגיין פון מצרים, האט ער זיי געגעבן דם פסח און דם מילה, וואס די צוויי מצ"ע אויב מ'איז זיי נישט מקיים איז דא כרת וואס דער עונש איז אויף די וועלט, ממילא איז דאך אויך דא שכר מצוה אויף די וועלט, און זיי וועלן קענען אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

### ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו

דער הייליגער **דגל מחנה אפרים** זאגט אז אלע צרות וואס קומען ל"ע אויף א מענטש איז ווייל ער איז נטבע אין שקר און זיין מויל און זיין הארץ זענען נישט אייניג. אבער איינער וואס איז דבוק אינעם אמת און זיין מויל איז מקושר מיט זיין הארץ איז מיט דעם ממתיק אלע דינים און אלע צרות ווערן בטל.

דאס זאגט דער פסוק **ולכל בני ישראל לא יחרץ**, פארוואס האט דאס נישט געשאדט פאר אידן, ווייל **כְּלֵב לְשׁוֹנוֹ**, די הארץ מיט די צונג איז געווען אייניג, זיי זענען געווען דבוק אינעם אמת און דאס איז ממתיק אלע דינים.

# אוצר הידיעות

## ווען זענען געווען די מכות

דער סדר פון די מכות איז געווען אזוי:

**ראש השנה** איז געווען **מכת דם**, אזוי ווי די גמרא זאגט (ר"ה י' ע"ב) בר"ה בטלה עבודה אבותינו במצרים. און דעמאלטס האט זיך תיכף אנגעהויבן די מכות. יעדע מכה האט דאך גענומען א חודש, ממילא איז **צפרדע** געווען **ר"ח חשון, כנים ר"ח כסלו, ערוב ר"ח טבת, דבר ר"ח שבט, שחין ר"ח אדר א', ברד ר"ח אדר ב'**, (ווי דער רמב"ן זאגט אז עס איז געווען א עיבור יאר). **ארבה ר"ח ניסן. חשך** איז שוין געווען ממש פאר פסח. און **מכת בכורות** איז געווען **ליל טו בניסן.**

דער **חתם סופר** זאגט אז לויט דעם וואס די גמרא זאגט (שבת פ"ז ע"ב) אז אידן זענען ארויס פון מצרים דאנערשטאג, קומט אויס אז ר"ח שבט איז געווען שבת, וועגן דעם האבן די מצרים נישט געקענט נאכמאכן די מכת דבר, ווי די גמרא זאגט (סנהדרין ס"ה ע"ב) אז די כישוף מאכער קענען נישט מאכן קיין כישוף שבת.

דער **רבי זי"ע** אין **דברי יואל** (ע' רל"ז) זאגט לויט דעם פארוואס מכת ארבה איז אויך געווען ביי די אידן, ווי דער **אבן עזרא** זאגט, ווייל לויט דעם חשבון קומט אויס אז די מכה איז שוין געווען אין חודש ניסן ממש פאר אידן זענען ארויס פון מצרים, און די היישעריק האט אלעס אפגעגעסן כדי עס זאל נישט איבערבלייבן פאר די מצרים.

אויך זאגט דער **רבי זי"ע** (ע' דבר"י ע' רע"ג) א דבר פלא אז לויט דעם חשבון קומט אויס אז אין חודש ניסן איז געווען דריי מכות, ארבה חושך און מכת בכורות, יעדע מכה איז דאך געווען א וואך, מילא איז ארבה געווען ביז ז' ניסן.

חושך שטייט אין פסוק אז עס איז געווען נאר זעקס טעג, פארוואס? ווייל דער טעם פון חושך איז דאך געווען אז די אידן זאלן קענען באערדיגן די רשעים וואס זענען געשטארבן אין די טעג פון מכת חושך, אבער אין שבת וואס מ'האט נישט געקענט מקבר זיין איז נישט געווען מכת חושך.

קומט אויס אז די מכה האט זיך געענדיגט ערב פסח, און יענע נאכט איז געווען מכת בכורות.

# אוצר רבותינו

## מתניכם חגורים

עס איז אמאל געווען סוחרים פון בארדיטשוב וואס האבן פארקויפט קעז. זייער סדר איז געווען אז זיי פלעגן אוועקפארן קיין בסעראביע און דארט איינהאנדלען זייערע סחורה, האבן זיי גענומען א הכשר פונעם דארטיגן רב, און אנקומענדיג אהיים האבן זיי געוויזן דעם הכשר פארן **בארדיטשוב'ער רב בעל קדושת לוי זי"ע**, און ער האט דאס באשטעטיגט אז זיי מעגן דאס פארקויפן אין שטאט.

איינמאל איז נישט געווען געהעריג צו קויפן קיין כשר'ע קעז, האבן זיי נישט עומד געווען בנסיון און זיי האבן געקויפט אן קיין הכשר, אויפן וועג האבן זיי געטראפן **הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי"ע** און זיי האבן אים געצווינגען צו געבן א הכשר, ווארענענדיג אז אויב ער גיט זיי נישט דעם הכשר וועלן זיי אים ר"ל הרג'ענען.

נישט האבנדיג קיין ברירה האט ער זיי געגעבן דעם הכשר, און פארן אונטערשרייבן האט ער געשריבן **"הכותב וחותם ביום ג' לסדר מתניכם חגורים בספר שמו"ת".**

ווען דער **קדושת לוי זי"ע** האט באקומען דעם הכשר האט ער זיך זייער געוואונדערט אויף די לעצטע שורה, וואס איז דער פשט פון שרייבן **'בספר שמו"ת'** מיט אויבערשטערכלעך, האט ער געקלערט אז דאס איז א רמז אויף עפעס, האט ער מעיין געווען אין תרגום אויף **מתניכם חגורים** זאגט דער תרגום **חרציכון יהון אסורין**, חרציכון איז א לשון פון **חריצי גבינה** (שטיקלעך קעז), האט ער באלד פארשטאנען אז דער שפיטיווקער צדיק האט אים געוואלט מרמז זיין מיט די ווערטער **שמו"ת** אז ער זאל מעיין זיין אין **שנים מקרא וא' תרגום**, און דארט וועט ער זעהן דעם אמת, און ווי דער פסוק זאגט ווייטער **ומקלכם בידכם**, אז זיי האבן אים געוואלט שלאגן מיט שטעקנעס.

**ער האט דאס געזאגט פאר די סוחרים וואס זענען זייער נתפעל געווארן פון די חכמה, און זיי האבן באלד מודה געווען על האמת.** (מס' אהלי צדיקים, וכעי"ז מספור על החיד"א בס' אמרות חכמה ועוד)

# יגעת ומצאת

קומענדיגן דינסטאג ו' שבט, געפאלט אויס די יארצייט פון כ"ק מרן הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע. וועלן מיר די וואך לערנען אין די "יגעת ומצאת" עטליכע ידיעות איבער די הייליגע גזע למשפחת עצי התמרים זי"ע ועכי"א.

**דער עצי חיים זי"ע, בן, בעמח"ס, בן, בעמח"ס, בן, בן הישמח משה זי"ע. העצ"ח נולד בשנת, נסתלק ביום, שנת, ער איז אלט געווען? זיין רביצין איז געווען? נפטרה? חותנו? בן, וחתן? בעמח"ס? חתן? אחיו? ג' אחותיו? שם גיסיו? אחיו מאמו?. היה לו הרבה בנים ובנות, ביניהם ב' בניו הגדולים?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ל')....

**ל"ל, למה"ד, לכה"פ, לפנה"צ, למ"ד, לשה"ר, לעת"ל, לשה"ק, לפ"ק, לפימ"ש**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' וארא

א. הבני יששכר, רבינו צבי אלימלך ב"ר פסח, נולד בשנת תקמ"ג, נפטר ח"י טבת תר"א.

ב. היה תלמידו של החוזה מלובלין ז"ל, ומהרה"ק ר' מנחם מענדל מרימנוב ז"ל.

ג. היה רב בחמשה עיירות 1)סטריזוב 2) ריבוטיטש, 3) לאנצוט 4) מונקאטש 5) דינוב.

ד. רבו הרבי מלובלין העיד עליו ששורש נשמתו הוא משבט יששכר.

ה. ספריו הקדושים. 1) בני יששכר 2) אגרא דכלה 3) אגרא דפרקא 4) דרך פיקודיך. 5) מעין גנים. 6) ברכה משולשת. 7) והיה ברכה. 8) חידושי מהרש"א 9) מגיד תעלומה 10) ריח דודאים. 11) רגל ישרה 12) הוספות מהרצ"א 13) כלי הרועים 14) דרך עדותיך 15) דברים נחמדים 16) הגהות מהרצ"א 17) נחל אמונים 18) טעמי המצוות 19) תמכין דאורייתא.

ו. בניו הקדושים היו: הה"ק רבי דוד מדינוב בעמח"ס צמח דוד, הרה"ק ר' אלעזר מלאנצוט בעמח"ס יודעי בינה.

ז. ספרי צאצאיו ונכדיו הק': הנותן אמרי שפר, צבי לצדיק, אור למאיר, שם שלמה, קרן יהושע, דרכי תשובה, מנחת אלעזר, שער יששכר, באר לחי רואי, תפארת בנים, דברי תורה, שאר ישוב.